וויסנשאַפט און רעוואָלוציע, נומ' 1–2, אַפּריל–יוני 1934

# מאטעריאלן צו ד. בערגעלסאָנס ביאָ־ביבליאָגראפיע

.1

אפ אן אָנפרעג פון דער סעקציע פאר ליטעראטור און קריטיק האָט כאווער דאָוויד בערגעלסאָן פאָלגנדיקס מיטגעטיילט וועגן דער דאטירונג פון זײַנע ווערק:

... „דער סויבער"—אָנגעהויבן אין 1906 יאָר. די דעמאָלטיקע ייִדישע זשורנאלן און צײַטונגען האָבן די דערציילונג ניט גענומען צום דרוק. ה. צייטלין צ. ב. האָט דעם מאנוסקריפט אָפגעהאלטן מער ווי א יאָר, אים נאָכדעם מיר אומגעקערט צוריק. דעם מאנוסקריפט האָב איך נאָכדעם אביסל אויסגעבעסערט אין 1909, אים אָפגעדרוקט אין קיִעווער „אלמאנאך", אליין געקראָגן מיטלען דעם „אלמאנאך" ארויסצוגעבן.

„ארום וואָקזאל" — 1907 — 1908.

אין די יאָרן 1909 — 1910 — געשריבן: א גרעסערן ראָמאן (פאָרגעלייענט נאָר י. ל. פּערעצן. פּערעצן — געפעלן. מיר אליין ניט. דעם ראָמאן ניט פארעפנטלעכט).

געשריבן: אנדערע קלענערע זאכן, אייניקע ניט פארענדיקט. טיילווײַז זײַנען זיי ארײַן אין באנד „ווערט אויס, ווערט אײַן", ווי צום בײַשפּיל: „שייוועט גדאליע" „דער קאברען" א. א.

„נאָך אלעמען" — 1911 — 1912.

1911 — 1913 — „אין א פארגרעבטער שטאָט", „יאָספע שאָר" (אויסגעבעסערט און איבערגעגעבן צום דרוק זומער 1918).

1913 — אָנגעהויבן שרײַבן „אָפּגאנג". אין אָנהייב מילכאָמע איבערגעריסן.

אין פארלויף פון דער גאנצער מילכאָמע ניט געקאָנט, אכוץ קלײניקײַטן, ווי „באנאכט" און דאָסגלײַכן, גאָרנישט ניט אָנשרײַבן, געווען בא דער מיינונג, אז ווען ארום אין ארום גיסט זיך בלוט, איז עס פיל וויכטיקער פון אלערליי „טעמעס", שטארקער פון אלערליי „קונסט־טראנסן".

אויך די ערשטע פּאָר יאָר פון דער רעוואָליוציע האָבן מיר געגעבן צו פילן, אז קיין שום קונסט קאָן ניט קאָנקורירן מיט זיי — זיי זײַנען איבערצײַגנדיקער, שטארקער, זיי זײַנען אליין די גרעסטע קונסט. סאָף 1917 און אָנהייב 1918 בין איך געווען אימשטאנד ניט מער ווי צו איבערעדאקטירן און פארענדיקן אייניקע קלענערע זאכן, וואָס איך האָב אָנגעהויבן נאָך אין די יאָרן 1909—1910: „יאָרדים", „דרויבן", „אָן א נאָמען", „אין איינעם א זומער", „פײַוולס מײַסעס".

זומער 1919 פארענדיקט און אָפּגעגעבן צום דרוק „אָפּגאנג".

1921 — 1923 — „באָטשקאָ".

1921—1923 — „איינעמס א וועג", „אָפ דער 100 מיט איינטער וויאָרסט" און דעם גרעסערן טייל זאכן, וואָס זײַנען ארײַן „אין שטורעמטעג".

1924 — אָנגעהויבנ שרײַבנ „מידאס־האדינ“.

1925 — 1926 — דערציילונגענ, וואָס זײַנענ אַרײַנ אינ „שטורעמטעג“ און אינ „וועלט אויס, וועלט אײַנ“.

1927 — פארענדיקט „מידאס־האדינ“, דערציילונגענ, וואָס זײַנענ אַרײַנ אינ „צוג־ווינטנ“.

(בריוו צומ כ׳ עריק, דאטירט: קאָפּענהאגענ, 30 אפּרעל, 1933).

.2

מיר פארדאנקענ דעמ כ׳ דאָוויד בערגעלסאָנ אויכ פאָלגנדיקע פראָטימ פונ זײַנ ביאָגראפיע:

בערגעלסאָנ איז געבוירנ געוואָרנ דעמ 12־טנ אווגוסט 1884 י. אינעמ שטעטל אָכרימאָווע (רוסיש — סארנע), קיִעווער גובערניע, ניט ווײַט פונ אומאנ. דער פאָטער רעאָפעל איז געווענ א שטארק פארמעגלעכער סויכער מיט וואלד, טווע א. אז. וו. ער איז געווענ דער גוויר פונ שטעטל. ער איז געשטאָרבנ, ווענ בערגעלסאָנ איז אלט געווענ 9 יאָר, און דער שריפטשטעלער געדענקט אימ ווייניק. ווײַזט אויס, אז ער איז געווענ א „לאמדנ“. אייראָפּייִשע בילדונג האָט בערגעלסאָנס פאָטער אינגאנצנ ניט פארמאָגט, ניט געקאָנט ריידנ רוסיש, דאקעגנ גערעדט פויליש (אינ צוזאמענהאנג מיט זײַנע געשעפטנ מיט די ארומיקע פוילישע פריצימ). די מוטער איז געווענ א אינטערעסאנטע נאטור, כאָטש לאכלוטנ ניט געבילדעט, זי האָט גע־האט א געוויסנ דערציילערישנ טאלאנט, געלייענט אויכ פיל יידישע ביכלעכ (דינעזאָנ, שאָמער, מענדעלע א. א.), זי פלעגט זיכ אָפט פארלייענענ אפ א גאנצע נאכט, ווענ דער פאָטער פלעגט ניט זײַנ אינדערהיימ. די מוטער איז געשטאָרבנ, ווענ בערגעל־סאָנ איז אלט געווענ 14 יאָר. זיכ אליינ הייבט אָנ בערגעלסאָנ געדענקענ זינט פיר יאָר. די מישפּאָכע איז געווענ א גרויסע, דאָוויד איז געווענ דער ייִנגסטער, ס׳ראָוו קינדער זײַנענ שוינ געווענ אויסגעגעבענע. צו 4 יאָר איז בערגעלסאָנ אוועק אינ כיידער, ער האָט געלערנט בא פארשיידענע מעלאמדימ און אינ פארשיידענע כאדאָ־רימ, און אפ וויפל ער דערמאנט זיכ, זײַנענ דאָס געווענ שוידערלעכסטע כאדאָרימ און שוידערלעכסטע מעלאמדימ. ער האָט אזוי אָפּגעלערנט טראדיציאָנעל־רעליגיעזע יידישע לימודימ ביז א יאָר 15. ס׳איז געווענ א „שרײַבער“ אינ שטעטל, א לערער פונ ייִנגלעכ און מיידלעכ, וואָס האָט געענדיקט א 2־קלאסיקע שול — בא אימ האָט בער־געלסאָנ געלערנט רוסיש לייענענ, שרײַבנ, רעכענענ, גראמאטיק. סינטאקסיס האָט שוינ דער לערער אליינ ניט געקאָנט. אנערעכ צו 12 — 13 יאָר אָנגעהויבנ לייענענ רוסישע ביכער, באקאנט זיכ מיט א לערער פונ א דאָרפשול, א געוויסנ דעמיאניוק, וואָס האָט אימ אויסגעליִענ רוסישע ביכער: צוערשט טאָלסטוי, טורגעניעוו, דערנאָכ סיסטעמאטיש די רוסישע קלאסיקער און נײַע שרײַבער (ליעסקאָוו, גריגאָראָוויטש, באָבאָריקינ א. א.). העברייִשע וועלטלעכע ביכער האָט בערגעלסאָנ אָנגעהויבנ לייע־נענ בא 9 — 10 יאָר. געווענ א מאסקיליש הויז אינ שטעטל, וואָס האָט געהאלטנ א קליינע העברייִשע ביבליאָטעק, אזויארומ געלייענט מאפּו, סמאָלענסקינ, די „האשא־כארס“, די ביכלעכ פונ „טושיִע“ — זינט דעמלט שוינ סיסטעמאטיש נאָכגעשפּירט די מאָדערנע העברייִשע ליטעראטור.



נאָכנ טויט פונ דער מוטער (1898) געבליבנ אינ אייגענעמ רעשוס. אויסגעהאלטנ האָבנ אימ די ברידער, גערעכנט האָט זיכ עס אפנ כעושבנ פונ זײַנ טייל יערושע. דאָס האָט געדויערט אסאכ יאָרנ, קימאט ביז 1909. אינ דער צײַט וווינט בערגעל־סאָנ פעריאָדנווײַז אינ קיִעוו, אָדעס, ווארשע. צו 17 יאָר איז ער אינ קיִעוו, צו 19 — אינ אָדעס, צו 20 — אינ ווארשע. ער עקסטערנעוועט, גרייט זיכ אפ אָפּצוגעבנ עקזאמענ אפ 7 אינ 8 קלאסנ, בײדע מאָל פאלט ער דורכ.

די רעוואָליוציע 1905 פארכאפּט בערגעלסאָנענ אינ קיִעוו. זי האָט אימ ווירקלעכ „פארכאפּט“. צומ 1905 יאָר איז בערגעלסאָנ א יונגערמאנ מיט א כאאָטישער, ניט סיסטעמאטישער בילדונג, מיט מינימאלע פּאָליטישע אינטערעסנ. ווײניק באהאוונט אינעמ מעכאניזמ פונ קלאסנקאמפ, אינ די פראָגראמעס פונ די פּאָליטישע פארטייענ. ער האָט עפּעס געהערט וועגנ מענשעוויקעס און באָלשעוויקעס, אינ וואָס באשטייענ די דיפערענצנ צווישנ די ביידע פארטייענ, ווייסט ער ניט. דעמ נאָמענ לעניִנ האָט בערגעלסאָנ געהערט צומ ערשטנ מאָל ערשט אינ דעמ יאָר 1917. ער איז אויכ קנאפּ באהאוונט אינ די פּראָגראמעס און שטרײַטנ פונ די יידישע נאצמענשעוויסטישע פארטייענ. פונ ציִעניזמ און טעריטאָריאַליזמ האלט ער ניט, ער גלייבט ניט אינ דער רעאלקײַט פונ זייערע לאָזונגענ. ער געהערט ניט צו קיינ שומ פארטיי. אינעמ מעהומ פונ די רעוואָליוציאָנערע געשעענישנ 1905 — 1905 קלײַבט ער זיכ ניט פאנאנדער, כאָטש געוויינלעכ גייט ער אפ מיטינגענ, נעמט אָנטייל אינ א פּאָר דעמאָנסטרא־ציעס, דרייט זיכ צומאָל אפ דער ארבעטער־בירזשע. סאָציאַליסטישע ליטעראטור לייענט ער, וואָס עס מאכט זיכ, וואָס סע פאלט ארײַנ אינ האנט.

.3

צו 13 — 14 יאָר, נאָכ אינ אָכרימאָווע, האָט בערגעלסאָנ אָנגעהויבנ שרײַבנ. געשריבנ האָט ער אינ העברייִש, מיטאמאָל געפּרוווט שרײַבנ 2 ראָמאנענ, וואָס זייער אינהאלט געדענקט ער שוינ ניט הײַנט צו טאָג. צײַטנווײַז געשריבנ אויכ אינ רוסיש. אפילע נאָכדעמ, ווי ס׳איז דערשינענ „ארומ וואָקזאל“, ניט געווענ זיכער, אז זײַנ צוקונפט איז ליטעראטור, אז זײַנ פאכ איז שרײַבנ. 1902 — 1903 אָנגעוואָרפנ א ריי פראגמענטנ אינ העברייִש („רייקוס“, „רייזל“), וואָס זײַנענ שפּעטער טיילווײַז ארײַנ אינ „ארומ וואָקזאל“, טיילווײַז אינ „נאָכ אלעמענ“. „רייזל“ איז שוינ געווענ א פראָטאָטיפ פונ דער מירל־געשטאלט. א לעצטנ שטויס צו שרײַבנ יידיש האָט אימ געגעבנ א כאווער, דער ארבעטער דאָוויד מאגאזיניק, א פרעסער אינ א וועשערײַ. דער איבערגאנג צו יידיש איז בערגעלסאָנענ אָנגעקומענ זייער שווער. ער האָט געזוכט לאָשנ, סטיל, שפּראכלעכע טראדיציע, אפ וואָס אָנצושפּארנ זיכ. מענדעלע איז אימ געווענ ווײַט און פרעמד. עס האָט אימ מער געצויגנ צו פּערעצנ. אָבער דיאַלעקטיש איז דער פוילישער פּערעצ געווענ אומעגלעכ, ווי אנ אויסגאנג־פּונקט. אינ זינ פונ שפּראכ, דיאַלעקט איז צומ נאָענסטנ געווענ שאָלעמ־אליכעמ. ער האָט גערעדט מיט דער שפּראכ פונ בערגעלסאָנס היימ, פונ זײַנ סוויווע, פונ זײַנע מענטשנ. עס האָט זיכ געדוכט, אז יידיש — דאָס איז שאָלעמ־אליכעמ, אז אנ אנדער יידיש איז אומעגלעכ. בערגעלסאָנס ערשטע פּרוּוונ אינ יידיש זײַנענ טאקע געווענ אינ שאָלעמ־אליכעמס סטיל. עס איז אָבער געווענ א קאָלאָסאלע אנטשויונג — ס׳האָט

זיך בא אים באַקומען צופיל באַריידעוודיק און אפילע מעליצעדיק. צו דעם, וואָס בערגעלסאָן האָט געוואָלט שרײַבן, צו זײַנע שטימונגען און קינסטלערישע צילן, האָט שאָלעם־אַלייכעמס באַריידעוודיקײַט און זײַן גאַנצער סטיל ניט געטויגט, די פּאָר פּרוּוון אין שאָלעם־אַלייכעמס נוסעך זײַנען דורכגעפאַלן. געלייענט דאַן אַשס „שטעטל", שטאַרק געפעלן געוואָרן, ס'האָט אָבער געשטערט דער בײַטאַם פון אידעאַליזאַציע, דער נאַיוו־אידילישער טאָן.

1904 אָדער 1905 זיך באַקענט מיט גנעסינען. בערגעלסאָן לייקנט די גרויסע האַשפּאָע פון גנעסינען אָדער ברענערן אַף זײַן שאַפן. גיכער האָט אַף אים געהאַט אַ ווירקונג בערדיטשעווסקי. איבערטריבן איז אויך לויט בערגעלסאָנען די ווערסיע וועגן דער האַמסון־האַשפּאָע אַף זײַן שאַפן. מיט האַמסונען האָט ער זיך צוערשט באַקאַנט 1907 אין אָדעס („וויקטאָריאַ" און אַנדערע זאַכן), ווען ער האָט שוין אָנגעשריבן מער ווי אַ העלפט פון „אַרום וואָקזאַל".

די ערשטע זאַכן זײַנע (קליינע סקיצן, נאָוועלן אין העברעיִש און רוסיש) געוויזן קאַלמאַנזאָנען אין קיִעוו, ער האָט בערגעלסאָנען דערמוטיקט ווײַטער צו שרײַבן.

די ערשטע אָפּגעשליפענע, רײַפע זאַך אין ייִדיש איז געווען דער „טויבער", 1906. אין יאָר 1907 געשיקט די דערציילונג הילעל צייטלינען, בא וועמען די זאַך איז אָפּגעלעגן מער ווי אַ יאָר צײַט. צייטלין האָט עס געלויבט, אָבער דרוקן ניט געוואָלט.

אין די יאָרן 1907 — 1903 געשריבן „אַרום וואָקזאַל". דערשינען איז עס בא לידסקין אין יאָר 1909, לידסקי האָט עס געדרוקט מיט דעם באַדינג, אַז דער אויטער זאָל געבן צושטײַער העלפט הויצאָעס.

1907 געשיקט אַ פּאָר פראַגמענטן פון „אַרום וואָקזאַל" פּערעצן, ניט באַקומען קיין ענטפער. אין די יאָרן 1907 — 1908 עקסטערנעוועט, דורכגעפאַלן אַף די עקזאַמענס, געלערנט, ווי אַ פרײַער צוהערער, אין דער קיִעווער צאַָן־דאָקטער־שול, געלייענט, צוביסלעך געשריבן. סאָף 1908 אַף אַ קורצע צײַט אוועקגעוואָרפן דאָס שרײַבן. נאָכן דערשײַנען פון „אַרום וואָקזאַל", 1909, גענומען שרײַבן אַ גרויסן ראָמאַן מיט אַזאַ ברייטן פאַרנעם, ווי „באַם דניעפּער", ניט געווען אָבער דאַן צוגעגרייט צו אַזאַ גרויסן לײַוונט. אין פּראָצעס פון שרײַבן איז דער ראָמאַן אַלץ מער פאַרשמעלערט געוואָרן, אײַנגעשרומפּן געוואָרן, ער האָט דאַן אָנגעשריבן אַ 10 בויגן, געפאָרן צו פּערעצן אין וואַרשע (מיט פּערעצן האָט זיך בערגעלסאָן באַקאַנט אין קיִעוו אַף אַ ליטעראַרישן אָוונט). דעם ראָמאַן האָט ער געלייענט פּערעצן און רעב מאָרדכעלען (סשעמערינסקין). פּערעצן איז דער ראָמאַן געפעלן געוואָרן. דער הויפּט־העלד פון דעם ראָמאַן — אַ געוויסער ראַווערבע, אַ געוועזענער סאָציאַליסט. דעם ראָמאַן האָט בערגעלסאָן ניט פאַרענדיקט, געבליבן אינדערמיט, ער איז פאַרפאַלן געוואָרן מיט בערגעלסאָנס גאַנצן אַרכיוו בעשאַס דעם הייסינער פּאָגראָם 1919. קימאַט 2 יאָר האָט בערגעלסאָן געאַרבעט אַף דעם דאָזיקן ראָמאַן — 1909 — 1910. ער האָט נאָך ניט געהאַט קיין נאָמען — קימאַט אַלעמאָל ביַם בערגעלסאָן אַ נאָמען דעם ווערק ערשט נאָכדעם, ווי ס'איז ענדגילטיק פאַרענדיקט.

אין דער זעלביקער צײַט געשריבן אַ ריי קלענערע דערציילונגען, וואָס זײַנען פאַרענדיקט געוואָרן אין פאַרשיידענע צײַטן (1917 און שפּעטער), ווי „דרויב", „יאָר־



דים", „דער קאַברען", „שייוועס געדאַליע" א. א. טייל דערציילונגען שפּעטער רעסטאַווירט לויטן זיקאָרן.

1910 געדרייט זיך צווישן אָדעס און קיִעוו. קעסיידער געשריבן אָנהייבן פון זאַכן, געוואָרפן, ניט פאַרענדיקט. דער אָנהייב איז טאָמיד געווען פאַר אים די שווערסטע זאַך, — דער אָנהייב, מיינט בערגעלסאָן, שפּילט אַ גרויסע ראָליע אינעם אַנטשטיין פונעם ווערק, דער אָנהייב דאַרף זײַן אַ קאָנצענטראַט פון גאַנצן ווערק.

1911 אָנגעהויבן שרײַבן „נאָך אַלעמען", געשריבן עס אין 3 שטעט — קיִעוו, אָדעס, ווילנע, פאַרענדיקט סאָף 1912. „נאָך אַלעמען" געשריבן קימאַט אין איין אָטעם, דאָך געווען אַ פּאָר איבעררײַסן צו כוידעש—צוויי. אין איינעם פון די איבעררײַסן שוין דאַן, 1911, אָנגעשריבן דעם ערשטן קאַפּיטל פון „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט".

זומער 1912 געפינט זיך בערגעלסאָן אין אָדעס. ער ווערט דורך קלעצקינען אַרויסגערופן אין ווילנע, ווי אַ רעדאַקטער פונעם בעלעטריסטישן טייל פונעם זשורנאַל „די ייִדישע וועלט". ווינטער 1912 האָט בערגעלסאָן צוגעגרייט די ערשטע דרײַ ביכלעך פון דער „ייִדישער וועלט".

פרילינג 1913 צוריק געקומען אין קיִעוו, סאָף 1913 געפינט ער זיך אין אָדעס, 1914 — ביזן אויסברוך פון דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע — ווידער אין קיִעוו. 1913 אָנגעהויבן שרײַבן „יאָסעף שאָר", „אָפּגאַנג" און פאַרענדיקט „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט". אַף „יאָסעף שאָר" און „אָפּגאַנג" געאַרבעט ביזן אָנהייב פון דער מילכאָמע, דאַן איבערגעריסן די אַרבעט, ניט געקאָנט ווײַטער שרײַבן.

אין די מילכאָמע־יאָרן קימאַט גאָרניט געשריבן. געווירקט האָבן דאָ אַסאַך סיבעס: די מילכאָמע האָט געדריקט, ס'האָט זיך געדוכט, אַז בעלעטריסטיק דאַרף שוין קיינער ניט האָבן. ניט געווען אויך קיין שום דרוק־מעגלעכקײַט, וואָרעם די צאַרישע רעגירונג האָט אָפּגעשטעלט אַלע ייִדישע אויסגאַבעס און די גאַנצע דרוק־פּראָדוקציע. ניט געהאַט אַפילע קיין שטימונג צו פאַרענדיקן די פריִער אָנגעהויבענע זאַכן. עס האָט זיך ביכלאַל אָנגערוקט אַ שעפערישער קריזיס: „מיר האָט זיך אויסגעדוכט — זאָגט בערגעלסאָן — אַז מיטן „אָפּגאַנג" שרײַב איך דאָס לעצטע ווערק. מער האָב איך ניט וואָס צו זאָגן, וואָס צו שרײַבן... כ'האָב אין די פריִערדיקע ווערק געוויזן דעם סאָף פון שטעטל, דעם סאָף פון דער בורזשואַזיִע אין אירע פאַרשיידענע שיכטן און שאַטירונגען, איצט געוויזן דעם טויט פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט ניט אַפילע צו וועמען צו רעדן... כאַיִם־מוישע רעדט דאָך שוין בלויז צו אַ טויטן, צו מײַלעכן"...

בערגעלסאָנס פּאָליטיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקײַט זינט 1917 איז נאָך פריש אין זיקאָרן, און מיר וועלן זיך דאָ אַף איר ניט אָפּשטעלן. מיר וועלן דאָ ברענגען בלויז ווײַטערדיקע דאַטעס צו דער געשיכטע פון בערגעלסאָנס ווערק. נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט בערגעלסאָן צוגעשליפן די אָנגעהויבענע פראַגמענטן פון „יאָסעף שאָר" (1918), „אָפּגאַנג" (1919). נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע וואַקסט בא בערגעלסאָנען די פאַרשטענדעניש, אַז ס'איז נייטיק אַ רעוויזיע פון דעם פריִערדיקן שעפערישן מעטאָד, אַז ס'איז ניטאָ צו אים קיין צוריקקער. ער פאַרלירט דעם כיישעק ווײַטער צו פירן די ווערק „אָפּגאַנג" און „יאָסעף שאָר", וואָס זײַנען טאַקע געבליבן ניט פאַרענדיקט. סאָף 1919 איז בערגעלסאָן אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, געווען דאָ

ביז מאַרט 1920, געשריבנ אינ מאָסקווע „אָנהייב קיסלעוו תרע״ט״. מײַ 1920 אַריבערגעפאָרנ אינ בערלינ. זינט 1921 אָנגעהויבנ מיטאַרבעטנ אינ „פאָרווערטס״, וואָס האָט דאַנ קאָקעטירט מיט סימפאַטיעס צומ ראַטנפאַרבאַנד. צוליב דעמ שפעטערדיקנ אַנטיסאָוועטישנ קורס פונ „פאָרווערטס״ זײַנענ אַנטשטאַנענ העפטיקע קאָנפליקטנ מיט אַב. קאַהאַנענ. בערגעלסאָנס דערציילונגענ זײַנענ וואָס ווײַטער געוואָרנ אַלצ ווייניקער אָנגענעמבאַר פאַרנ „פאָרווערטס״. טייל זאַכנ האָט זיכ דער „פאָרווערטס״ קאַטעגאָריש אָפגעזאָגט דרוקנ, אַשטייגער „הערשל טאָקער״, אויכ „מידאַס־האַדינ״ האָט זיכ דער „פאָרווערטס״ אָפגעזאָגט דרוקנ.

די ווײַטערדיקע דאַטעס זײַנענ גוט באַקאַנט: סאָפ 1925 „אינ שפאַנ״ (2 ביכלעכ — דאָס צווייטע בוכ קאָנפיסקירט פונ דער פוילישער צענזור), אָנהייב 1926 ווערט בערגעלסאָנ מיטאַרבעטער פונ דער „מאָרגנ־פרײַהײַט״, דאַנ אויכ פאַרעפנטלעכט זײַנ דעקלאַראַציע־בריוו מיט דער אָנערקענונג פונ דער פראָלעטאַרישער דיקטאַטור אונ די צילנ פונ דער פראָלעטאַרישער רעוואָליוציע. 1926 נאָכ אַ לענגערנ איבעררײַס צומ ערשטנ מאָל באַזוכט ראַטנפאַרבאַנד אונ אײַנגעשלאָסנ זיכ אינ די רייענ פונ דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

.4

וואָס איז שײַכ זײַנ אַרבעט־מעטאָד, זעט אויס בערגעלסאָנ אַ היפשנ אונטערשייד צווישנ זײַנ אַמאָליקנ אונ איצטיקנ אויפנ פונ אַרבעט. די לעצטע 10 יאָר אַרבעט בערגעלסאָנ מער אָרגאַניזירט אונ מער אומאָפהענגיק פונ זײַנ „מוזע״. ביז 1914 פלעגט ער אַרבעטנ מיט קעסיידערדיקע היפשע איבעררײַסנ. אַפילו „מידאַס־האַדינ״ נאָכ געשריבנ מיט לענגערע האַפסאָקעס. בערגעלסאָנ פלעגט דאַנ וואַרטנ אָפ דער „באַגײַסטערונג״, אָפנ צוריקער פונ שעפערישנ ענטוזיאַזמ, אונ אָפט פלעגנ אַזוי דורכגיינ לאַנגע כאַדאָשימ, אונ ער האָט ניט געקאָנט זיכ אומקערנ צומ פריִערדיקנ שטאָפ. בערגעלסאָנ דערקלערט עס מיטנ ניט זײַנ קלאָר די ציל־אײַנשטעלונג פונעמ ווערק, צוליב וואָס, צוליב וועמענ שרײַבט ער, אונ עפשער האָט דאָ געהאַט אַ כיילעק אויכ דאָס ניט גענוגנדיקע באַהערשנ די טעכניק פונ שרײַבנ. איצט קענ שוינ בערגעלסאָנ אַרבעטנ מיט דערפאָלג אַפילו גלײַכצײַטיק אָפ צוויי ווערק. דעמ לעצטנ יאָר האָט ער אָפ אַזאַ מינ אויפנ גלײַכצײַטיק געשריבנ די „בירעבידזשאַנער״ אונ דעמ צווייטנ טייל פונ „באַמ דניעפער״. בערגעלסאָנ אַרבעט בלויז באַטאָג, באַנאַכט קאָנ ער ניט שרײַבנ. ער האָט אינ די לעצטע יאָרנ זיכ געשטעלט אַ נאָרמע — 5000 בוכשטאַבנ אַ טאָג (אַנערכ צוויי זײַטנ), מיט איינ אָפרו־טאָג אינ דער וואָכ. אַמאָליקע יאָרנ פלעגט ער שטאַרק איבעראַרבעטנ זײַנע ווערק, די לעצטע צײַט האָט זיכ דאָס געביטנ. „באַמ דניעפער״ איז קימאַט ניט איבערגעאַרבעט, געענדערט זײַנענ בלויז אַ 40 — 50 איינצלנע זײַטלעכ אינעמ בוכ. דאָס שרײַבנ גופע איז אַ וויכטיקער פאַקטער — ווענ בערגעלסאָנ זעצט זיכ שרײַבנ, זעט ער קלאָר די סכעמע פונעמ גאַנצנ בוכ, אינ פראָצעס פונ שרײַבנ ווערט זי אָבער ווי פאַרנעפלט, אונ דאָס שרײַבנ באַשטייט אינעמ דעשיפרירנ די סכעמע, אינעמ אויפהייבנ דעמ נעפל. צומ שווערסטנ האָט זיכ אימ אינ זײַנ צײַט געגעבנ די אַרבעט איבערנ „אָפגאַנג״ — ער האָט עס געשריבנ שווער אונ לאַנגזאַמ — עפשער צוליבנ לירירומ פונעמ ווערק. „נאָכ אַלעמענ״ האָט בערגעלסאָנ אויכ ווייניק איבערגעאַרבעט. די וויכטיקסטע ענדערונג איז באַשטאַנענ אינעמ אַרויסוואַרפנ אייניקע קאַפיטלעכ, ווו מירל ווערט דעמאַסקירט (קאַפיטלעכ, וואָס שילדערנ אירע באַציִונגענ מיט נאָכנ העלער, געגעבנ אינ גרעל־נאַטוראַליסטישע פאַרבנ א. אַז. וו.). דאָ האָט געווירקט דער דרוק פונ באַלעבעסלדיקע „גוטע פרײַנט״, וואָס האָבנ געהאַלטנ, אַז ס׳איז אַ פאַרשוועכונג פונ דער מירעלע־געשטאַלט.

בערגעלסאָנס געשטאַלטנ אונ סוויוועס זײַנענ סינטעטישע, ד. ה. געוויינלעכ זײַנענ פאַראַנ לעבעדיקע מאָדעלנ אונ פראָטאָטיפנ, זיי ווערנ אָבער אינ פראָצעס פונ שאַפנ סינטעזירט, עס ווערנ צונויפגעשמאָלצנ שטריכנ פונ עטלעכע מענטשנ, פונ עטלעכע שטעטלעכ אונ סוויוועס. קימאַט אַלע מאָדעלנ פונ „נאָכ אַלעמענ״ זײַנענ קיִעווער, אויכ מירל איז אַ קיִעווער (אַכוצ געדאַליע הורוויצ, וואָס איז מאָדעלירט פונ אַ שטעטלדיקנ גוויר, נאָר זײַנע פיזישע שטריכנ זײַנענ גראָד גענומענ פונ אַ באַקאַנטנ פאַרמעגלעכנ דאָרפישנ ייִדנ). דאָס שטעטל פונ „נאָכ אַלעמענ״ איז אַ סינטעטיש שטעטל, אַזוי אויכ דאָס שטעטל פונ „באַמ דניעפער״. באַמ שרײַבנ „אינ אַ פאַרגרעבטער שטאָט״ האָט בערגעלסאָנ אינ זינענ געהאַט לעטיטשעוו, פאָדאָליער גובערניע, ווו פאַרבראַכט מיט עטלעכע יאָר פריִער, 1909, געווענ דאָרט טאַקע ענלעכע טיפנ, ווי בורמאַנ, עלישע. אינ „באַמ דניעפער״ זײַנענ נאַטירלעכ פאַראַנ אייניקע אויטאָביִאָגראַפישע עלעמענטנ, צ. ב. אינ דער פנעק־געשטאַלט, אינ דער שילדערונג פונ די קיכמענטשנ א. אַז. וו. די פיגור פונ מיכאָעל לעווינ איז סינטעטיש, צונויפגעזאָמלט שטריכנ פונ אייניקע גווירימ. דערהויפט האָט דאָ געדינט פאַר אַ מוסטער דער פאָטער פונ ב. מײַזל אונ זײַנ הויז. שיינדל די גרויסע איז אויכ אַ סינטעטישער טיפ. בערגעלסאָנ דערווידערט קעגנ דער מיינונג פונ אייניקע קריטיקער, אַז שיינדל די גרויסע איז אַ טראַנספאָרמאַציע פונ דעמ מירל־טיפ. ס׳איז צוויי גאַנצ פאַרשיידענע געשטאַלטנ.

בערגעלסאָנ איז אויכ ניט מאַסקימ מיט דער מיינונג פונ דער קריטיק, אַז די באַרימטע דיִאַלאָג־פאָרמ פונ „נאָכ אַלעמענ״ (דער דיִאַלאָג אינ דער דריטער פערזאָנ) דרינגט אַרויס אָרגאַניש פונ דעמ אימפרעסיִאָניסטישנ סטיל פונעמ ווערק. עס נעמט זיכ לויט בערגעלסאָנענ גיכער דערפונ, וואָס מירל אונ איר סוויווע רעדנ רוסיש, אונ עס איז שווער געווענ געבנ דאָ דעמ דירעקטנ עקוויוואַלענט אינ ייִדיש. ס׳האָט געמוזט קומענ אַ ניט דירעקטע פאָרמ.

דער פלאַנ פונ „באַמ דניעפער״ שטעלט זיכ פאָר בערגעלסאָנענ הײַנט צו טאָג אָפ אַזאַ מינ אויפנ: דאָס גאַנצע ווערק וועט האַלטנ 5 בענדער. דער צווייטער באַנד וועט אַרומכאַפנ די יאָרנ 1903 — 1906. די האַנדלונג וועט פאָרקומענ אינ אַ סינטעטישער גרויסער שטאָט. ס׳וועט געשילדערט ווערנ דער מאָנאָפאָליסטישער קאַפיטאַל אַבנ פאָנ פונ דער צוקער־אינדוסטריע אינ אוקראַיִנע, די אינטערנאַציִאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג, די ראָליע פונ ייִדישנ קלייקוידעש אינעמ קאַמפ מיט דער אַרבעטער־באַוועגונג (אַ טיפ פונ אַ גרויסשטאָטישנ ראָוו), די טעטיקײַט אונ די סוויווע פונ די נאַצמענשעוויסטישע ייִדישע פאַרטייענ. פנעק וועט ווערנ אַ ייִדישער שרײַבער, אונ טיילווײַז וועט דאָ געשילדערט ווערנ בערגעלסאָנס אייגענער ליטעראַרישער וועג. איבער דעמ דאָזיקנ באַנד אַרבעט איצט בערגעלסאָנ אינטענסיוו. דער דריטער באַנד וועט אַרומנעמענ די טקופע 1907 — 1914. דער פערטער באַנד — 1914 — 1917. דער פינפטער באַנד — 1917.

דעקאַבער, 1933.

ערב לכבוד ספרה של אילנה רוזן,

*Soul of Saul*



## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶצְלָב אֶל סוֹפְרוֹ

רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶצְלָב אֶל סוֹפְרוֹ

נָתָן, הָבָה, בּוֹא הַיּוֹם לֹא נַחְשֹׁב.
רָאִיתָ פַּעַם עוֹלָם כָּזֶה
עִם יוֹפִיִּים טְהוֹרִים לָרֹב?
אֶתֵּן לְךָ סְטִירָה בַּפַּרְצוּף
אִם תְּסַחֵט מַחֲשָׁבָה אַחַת.
מַה יֵּשׁ, אַתָּה חוֹלֶה הַיּוֹם לִחְיוֹת?
חֲיֵה בְּכָל אֵיבָרֶיךָ
וּנְשֹׁם שֶׁמֶשׁ כִּזְבוּב.
בּוֹא נָשׁוּב, נֵלֵךְ לְאָחוֹר,
נַחְשֹׁב-מֵאִתָּנוּ אֶת כָּל רְכוּשֵׁנוּ,
נְפַזֵּר אֶת הֲגוּתֵנוּ בַּדְּרָכִים.
בּוֹא נֵהָפֵךְ לְאִכָּרִים קְדוֹשִׁים
עִם פָּרוֹת קְדוֹשׁוֹת בְּמִרְעֶה קָדוֹשׁ.
בּוֹא וְנֹאכַל דַּיְסָה עִם חָלָב,
בּוֹא נְעַשֵּׁן מִקְטָרוֹת מַסְרִיחוֹת
וּנְסַפֵּר אַגָּדוֹת עַל גַּמָּדִים,
בּוֹא נְזַמֵּר מִזְמוֹרִים יְחוּדִיִּים —
דַּי-דַּאנָה-דַּי, דַּי-דַּאנָה-דַּי.
שִׁירִים חֲלוּלִים, לְלֹא מִלִּים,
דַּי-דַּאנָה-דַּי.

1943

תרגם בנימין הרשב.

*מתוך: דויד גרוסמן, **עיין ערך: 'אהבה'**, "וסרמן", הקיבוץ המאוחד / כתר, 1986, עמ' 182.*

"פחדן," מתיז נייגל בבוז, שאולי אינו בלתי מוצדק, "אתה פחדן עלוב. הייתי יכול אולי לכבד אותך, לולא היית פחדן שכזה." הוא מחייך חיוך קצר ולגלגני: "מעניין על סמך מה חינכת את הילדים הקוראים שלך לאומץ ולגאווה. הרי המחשבות שלך צועקות ממש!" והיהודי: "חס וחלילה, המפקד." ("כמובן שאנוכי ירא אותו! ומה חשבת, שליימלה? לִבי תמס יהלך בקִרבי למשמע מתק ניבו וקולו! והוא גדול כזה, בלי עין־הרע, גרמיו כמטיל ברזל, ואנוכי – האומץ יפה לי כמו החוכמה לחזן. אפילו האצבע נתפסת לי באוזנו של ספל – תיכף אצלי הזיעה ניגרת פלגים פלגים. ועכשיו, נו, לך וספר לחיימקה שכאן עד מה ירחפו כל עצמותי.")

*מתוך: אמיר גוטפרוינד, **שואה שלנו**, "1991 מסעו של סבא יוסף", זמורה-ביתן, 2000, עמ' 217.*

— אינך מפחד, רֵב יהודי? חוקר זה האחד, הדברן.

— בעזרת השם, חזק חזק ונתחזק, אני לוחש לשון קודש, והם נזקפים בחשכה. כוחי נוסך אומץ גם באיבריהם. ונסיכה זו, הכוח שאני מעתיר על זוג יהודים עלובים, שמשי מחנה הנאצים, מחזקת אותי עוד יותר. כלומר, מין מנהיג נהייתי, מנהיגון, הרואה בצרת עמי ומחזק כוחו. כמשה רבנו, 'ויך את המצרי', לוחש אליהם דברי עידוד, מובדל כבר לגמרי מן העינויים, הסיוט, הגורל הנוראי שמצויות בו יתר הנפשות היהודיות, מקצווי ארץ הנאצים עד קצווי ארץ. ואני — אל פייגה הולך. כבר כמעט אין סבלנות. יבוא הנאצי, המן הרשע, ויוליך אותי כאת מרדכי על סוסו.